# די פארלוירענע פושקע...

לכבוד המערכת שיחי'

איך וויל דא איבערגעבן אן אינטערעסאנטע פרט פון השגחה פרטית, און א שטארקע התעוררות וואס איך שפיר אז דאס קען זיין א תועלת פאר די חשוב'ע ליינער.

די פארגאנגענע וואך, פרשת אמור תשפ"ו, האב איך געליינט אינעם גליון "זקניך ויאמרו לך" א מעשה וואס דערמאנט די לעכטיגע זכרונות פון דעם מסירות נפש'דיגן מנהל פון מוסד "תורה תמימה" ברסלב אין ירושלים עיר הקודש, הרה"ח הצדיק ר' מרדכי טורעץ זצ"ל.

דאס האט ביי מיר אויפגעוועקט א כוואליע מיט בענקענדיגע געפילן, און שטורמישע הרגשים, וואס ליגט ביי מיר די לעצטע 23 יאר פון דעם גרויסן איד.

געווען איז דאס בשנת תשס"ג ווען ר' מרדכי ז"ל איז כדרכו געקומען צו פארן נאך געלט קיין קרית יואל לטובת די ברסלב'ע תלמוד תורה "תורה תמימה", און ער האט געהאלטן א דרשה נלהבה אין בית המדרש 'בית מרדכי' אין קרית יואל לטובת המוסד.

פאר די אידן וואס געדענקען ר' מרדכי, איז איבריג צו זאגן יעדעס ווארט, ער איז געווען א מנהל המוסד וואס האט אסאך וואכן און חדשים פון יאר ארומגעקלעטערט פון איין עק וועלט צו די צווייטע לטובת המוסד, אז דער מוסד זאל זיך קענען פירן על טהרת הקודש. זיין מסירות נפש לטובת המוסד איז באמת נישט שייך צו באשרייבן.

עס איז כדאי צו דערמאנען די איינע נקודה אז ער האט אליין פארקויפט זיין אייגענע דירה אין ארץ ישראל צו קענען דעקן די הוצאות פון די מוסד און צו באצאלן שכירות פאר די איינגעשטעלטע, און ער האט במשך זיין איבעריגע יארן אויף די וועלט געלעבט אויף שכירות און געצאלט רענט. אלעס פארן מוסד.

ער איז געווען דבוק בכל נימי לבבו ונפשו אין ספר הקדוש ויואל משה, וואס ער האט געקענט בעל פה, און ער פלעגט כסדר חזר'ן די ווערטער וואס דער רבי זאגט אין ויואל משה, אז טון לטובת מוסדות אין ארץ ישראל וואס זאלן קענען אנגיין על טהרת הקודש, איז מען מיט דעם מקיים מצות "ישוב ארץ ישראל", און ער האט דאס געזאגט מיט זיין אייגנארטיגן אופן, מיט זיין געפיל, מיט זיין ווארעמקייט, מיט זיין ברען, מיט זיין גאנצע פנימיות, אז דאס איז אריינגעגאנגען ביז אינעווייניג טיף אין הארצן און געמאכט א געוואלדיגן רושם.

דאס האט פאסירט דעמאלט בשנת תשס"ג, ווען איך בין געווארן זייער איבערגענומען פון די ווערטער פון ר' מרדכי, און איך האב בלב ונפש געוואלט ארויסהעלפן אז עס זאל קענען מצליח זיין אלץ מער.

**עס גייט נישט אריבער מער ווי עטליכע טעג, און פלוצלונג קלינגט ר' מרדכי אויפ'ן טעלעפאן. עס איז געווען א חידוש נפלא, ווייל קיינמאל בעפאר האט נישט פאסירט אז ער זאל רופן אויפן טעלעפאן אינמיטן ווינטער.**

**ר' מרדכי פרעגט אונז, "וויפיל געלט איז דא אין די פושקע?". איך בין געווען אין א שאק.**

שמועסנדיג מיט אים פריוואט האב איך אים געפרעגט, "ר' מרדכי, פארוואס האט איר נישט קיין פושקע לטובת די תלמוד תורה, אזוי ווי אלע אנדערע מוסדות?! מען גייט ביי אונז כסדר ארום פאר כולל שומרי החומות, מוסדות יטב לב, קרן הצלה, און אלע היימישע מוסדות, אלעס מיט א פושקע מידי יום ביומו. "תורה תמימה" וואלט ווען אויך געדארפט האבן א פושקע".

ר' מרדכי האט געהערט אונזער בקשה, אונזער געדאנק, ער האט עס אנגענומען, און ער האט מסדר געווען עטליכע פושקעס.

פון דעמאלט אנגעהויבן עד היום הזה, שוין עטליכע צוואנציג יאר וואס איך האב די זכיה אינאיינעם מיט מיין ידיד, דער חשוב'ער מחנך ומרביץ תורה הרה"ח ר' טובי' בראך הי"ו, און הרב ר' עמרם טירנויער שליט"א בן הגה"צ בעל מנחם משיב זצ"ל דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל, גייען מיר יעדן טאג ביי עטליכע מנינים מיט די פושקע לטובת דעם חשוב'ן מוסד תורה תמימה.

ר' מרדכי האט געהאט א קביעות מדי שנה בשנה צו קומען קיין קרית יואל נאך שבועות. יענע צייט פלעגט ער זיצן אין די בתי מדרשים, ארומגיין נאך געלט, געבן ברכות פאר אידן מיט זיין נאטירליכע הארציגקייט, ווארימקייט, מיטן גאנצן לייב און לעבן און נשמה, ווי אידן געדענקען נאך ווי זיינע ברכות זענען אזוי ארויסגעקומען מעומקא דליבא.

דעמאלט פלעגן מיר זיך אויך באגעגענען מיט אים, שמועסן מיט אים, און איבערגעבן די פושקע, וואס געווענליך פלעגט דאס האבן ארום פינף הונדערט דאלער וואס מיר פלעגן צוזאמשטעלן במשך דעם יאר, און ער פלעגט אויסשטעלן יערליך א רעסיט.

ויהי היום, האט אמאל פאסירט, ערגעץ אין די ווינטער וואכן האב איך פארלוירן די פושקע. מיר האבן עס ארומגעזוכט און נישט געטראפן. שמועסנדיג מיט מיין ידיד ר' טובי', פארציילט ער מיר אז ער האט אויך פארלוירן די פושקע. עס איז געווען זייער אויפפאלנד און מאדנע,

היות מיר טוען יעצט צוריק מחדש זיין דעם באַרימטן "ביי מיר האָט דאָס פּאַסירט" קאָלום, בעטן מיר דעם חשוב'ן ציבור זאָל אונז אַרויסהעלפן מיט'ן אַריינשיקן סיי וועלכן עפּיזאָד וואָס איר קלערט אַז ס'קען זיין אינטערעסאַנט פאַר דעם קאָלום, בפרט עפּעס וואָס האָט אין זיך א גוטן מוסר השכל אָדער השגחה פּרטית אד"ג. וזכות הרבים תלוי בכם.
**איבערצוגעבן עפּיזאָדן און קאָמענטאַרן ביטע רופט: 845-783-0735**

און מיר האבןביידע מער נישט געהאט קיין פושקעס, איז ממילא, האבן מיר אויפגעהערט צו גיין נאך געלט.

עס האט זיך אפשר אפילו אריינגעגנב'עט א מחשבה'לע אין קאפ אז מעגליך איז דאס מן השמים אזוי צוגעפירט געווארן אז מיר האבן פארלוירן די פושקע, און אולי איז דאס נישט ממש דער רצון ה'.

עס גייט נישט אריבער מער ווי עטליכע טעג, און פלוצלונג קלינגט ר' מרדכי אויפ'ן טעלעפאן. עס איז געווען א חידוש נפלא, ווייל קיינמאל בעפאר האט נישט פאסירט אז ער זאל רופן אויפן טעלעפאן אינמיטן ווינטער.

ר' מרדכי פרעגט אונז, "וויפיל געלט איז דא אין די פושקע?".

איך בין געווען אין א שאק. איך האב געזאגט, "ר' מרדכי, איך בין נישט געוואוינט אז איר גייט רופן אינמיטן ווינטער פרעגן. געווענליך נעמט איר די פושקע נאך שבועות."

זאגט ר' מרדכי, "דער מצב דא איז זייער זייער אנגעשטרענגט. אפילו איר האט נאר הונדערט, צוויי הונדערט דאלער, אביסל געלט, וואלט איך דאס אויך יעצט גענומען, ווייל מיר מוזן האבן יעדע פרוטה צו באצאלן די שכירות פאר די איינגעשטעלטע."

בלית ברירה האב איך געמוזט מודה על האמת און אים דערציילן אז מיר האבן פארלוירן די פושקע, און אז מיין שותף האט אויך פארלוירן זיין פושקע, און מיר האבן שוין אפילו געהאט א מחשבה פסולה אז אפשר מן השמים איז דאס עפעס א סימן אז מיר זאלן נישט גיין נאך געלט.

ר' מרדכי האט אונז זייער שטארק מעורר געווען אז אדרבה ואדרבה, דאס אז מיר האבן פארלוירן די פושקע איז א סימן אז די מצוה איז גאר גרויס און גאר הייליג, און מ'פרובירט אונז אונטערצושטעלן א נסיון פון הימל אז דאס גיין נאך געלט זאל אונז אנקומען שווער און מיר זאלן אויפגעבן, ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע גירא בעינא דשטנא, קיין גרעסערע כח צו מלחמה האלטן קעגן דעם שטן הבוחר בירושלים ווי לימוד התורה על טהרת הקודש, און דער שטן טוט אנווענדן אלע זיינע כוחות מיט אלע זיינע מיטלען דאס צו שטערן אז מ'זאל נישט העלפן דעם חינוך הטהור, עד כדי כך אז ער וועט מאכן פארלירן די פושקעס פון חשוב'ע עסקנים וואס גייען נאך געלט אין די הייליגע שטאט קרית יואל, און זיי נאך לאזן טראכטן אז אפשר איז א סימן מן השמים אז מ'זאל נישט גיין נאך געלט. דערמאנענדיג דאס ווארט פונעם בעל שם הקדוש: שוחט, משום מאי מחייב, משום צובע. ער קען נאך נעמען אן עבירה און דאס מאכן פאר א מצוה, און נאך אריינלייגן אפשר זאל דאס נאך זיין א רצון השם, און א זאך וואס וואלט נישט געדארפט זיין, נאך אריינלייגן אין א לבוש ווי כאילו דאס קען זיין א מצוה.

כמובן אז מיר האבן זייער ערנסט און שטארק אויפגענומען זיינע ווערטער, און זיך תיכף ומיד מקבל געווען אז מיר גייען ווייטער ממשיך זיין ארומצוגיין מיט א פושקע. מיר האבן זיך תיכף אליין געמאכט נאך א פושקעלע און ווייטער אנגעהויבן צו גיין.

ויהי לפלא, גאר אין קורצן האבן מיר באקומען א טעלעפאן רוף פון די בארימטע "השבת אבידה" אין קרית יואל, אז ס'איז אנגעקומען צו זיי ביידע פושקעס וואס מיר האבן פארלוירן, און זיי האבן דאס צוריקגעברענגט. און ברוך השם עד היום הזה זענען מיר ממשיך צו גיין נאך געלט תמידין כסדרן לטובת די הייליגע מוסד תורה תמימה, וואס די עבודת הקודש ווערט פארגעזעצט דורך זיין חשוב'ע זון הרה"ח ר' נחמן שליט"א.

איך האב מיר די מעשה דערמאנט ווען איך האב געזען אינעם גליון "זקניך ויאמרו לך" אין די וואך פון די יארצייט רעדן בשבחו פון ר' מרדכי, און האב איך געשפירט פאר א זכי' אויפצוברענגען זיין לעכטיגן אנדענק און רעדן פון דעם טייערן איד, וואס בלי ספק זענען דא נאך אסאך אידן וואס געדענקען יענע טייערע צייטן ווען ר' מרדכי פלעגט קומען און זיך ארומדרייען נאך געלט.

יהא זכרו ברוך.

***מ.ז.ט"ב***

# רבי מאיר אומר

**(פאָרזעצונג פון זייט 7)**

אבער דער קאמאנדיר האט זיך געהאלטן פאר'עקשנ'ט, דער פאראדע מוז זיך אנהויבן. די אפיצירן האבן זיך גענומען בעטן ביי אים אז ער זאל אפרופן דעם פאראדע, מען קען דאך אזוי נישט אנגיין ווייטער.

בלית ברירה האט ער זיך אונטערגעגעבן און אנגעוויזן אז אלע זעלנער זאלן זיך צוריקקערן צו די באראקן, בשעת וואס ער דערציילט פאר די אפיצירן דער שמועס וואס ער האט נעכטן געהאט מיט דעם אידישן רב, צולייגנדיג "איך ווייס אז דער רעגן איז געקומען לכבוד דעם רב, ווייל איך האב נישט געהאלטן ביים אים נאכגעבן".

ער האט באלד צוגעריטן צום שול און אויסגעווארט ביז דער מהרש"ם האט געענדיגט דאווענען, ער איז אים אראפגעפאלן צו די פיס און געבעטן ער זאל אים מוחל זיין, יעצט זעט ער שוין אז ער איז א הייליגער מאן וואס דער גאנצער בריאה איז נכנע אונטער אים, דעריבער האט ער מורא אז זיין קפידא זאל אים נישט שאדן.

ער האט צוגעלייגט זיין הבטחה אז פון היינט און ווייטער וועט ער שוין פאלגן אלעס וואס ער וועט אים בעטן, אזוי אויך דארף ער שוין פון היינט און ווייטער נישט קומען אליין צו אים ווען ער וויל אים עפעס בעטן, נאר ער זאל בלויז שיקן א שליח.

פון דעמאלט אן איז דער קאמאנדיר געווארן א שטארקער אנהענגער פונעם מהרש"ם, ביזן פטירה פונעם מהרש"ם ווען דער קאמאנדיר איז געקומען באגלייטן דעם מיטה אינאיינעם מיט זיין גאנצער באטאליאן זעלנער, בשעת וואס פון זיינע אויגן רינען טרערן.

ביז אהער איז דער וואונדערליכער מעשה ווי עס ווערט געברענגט אין ספר 'תכלת מרדכי', דערציילט דורכן זון פונעם מהרש"ם. דאס קען מען אריינלייגן אין די ווערטער פון חז"ל (תענית ז.) "גדול יום הגשמים כיום שניתנה בו תורה", ודו"ק.